ח"ו אז מ'זאל נותץ זיין א מזבח, איז וואס פרעגט ר"י "וכי תעלה על דעתך שישראל נותצין את המזבחות"?

ח) פארוואס זאגט ער נאר "וכי תעלה על דעתך שישראל נותצין את המזבחות", און ניט וכי תעלה על דעתך שישראל מוחקין את השם?

ט) פארוואס זאגט ער "ויגרמו עוונותיכם למקדש אבותיכם שיחרב", ער רעדט דאך צום דור שנכנסו לארץ, איז וואס רעדט ער מיט זיי וועגן דעם ביהמ"ק וואס איז געבויט געווארן ערשט נאך פיר הונדערט יאר ארום, פריער איז דאך געווען דער משכן אין גלגל, דערנאך אין שילה און אין נוב וגבעון, און ערשט נאך פיר הונדערט יאר ארום האט מען געבויט דעם ביהמ"ק, איז פארוואס האט ער גערעדט מיט דעם דור שנכנסו לארץ וועגן דעם מקדש?

י) וואס איז דער דיוק "מקדש אבותיכם"?

ס'איז דא מפרשים (רא"ם) וואס ווילן מחלק זיין צווישן מוחק את השם און נותץ אבן מן המזבח, אז מוחק שם קען זיין אויך שלא דרך השחתה (אויב כדי לכתבו במקומו או בכבודו), דערפאר דארף מען מזהיר זיין אויף דעם, משא"כ נותץ אבן מן המזבח קען ניט זיין שלא דרך השחתה, נאר דאס מוז זיין דרך השחתה, און דערפאר דארף מען דאס ניט באווארענען ווייל וכי תעלה על דעתך וכו'.

איז נוסף ע"ז וואס רש"י דערמאנט איינגאנצן ניט דעם ענין פון דרך השחתה, איז פונקט ווי ביי מוחק שם קען זיין שלא בדרך השחתה, עד"ז ביי נותץ אבן מן המזבח קען אויך זיין שלא בדרך השחתה - אויב ער דארף האבן דעם אבן צוליב פאריכטן עפעס אין ביהמ"ק וכו'?

מיט נאך כמה דיוקים, אבער מ'האט זיך נאר געשטעלט אויף די דיוקים וואס ווארפן זיך בפשטות אין די אויגן, און אויך די איבעריקע דיוקים וועלן נתבאר ווערן בדרך ממילא ע"י הביאור דלקמן.

בנוגע צו די הערות אין זהר, איז אויף די פרשה איז ניטא קיין הערות, ס'איז דאך אבער דא די פרשה פון הענקה וואס שטייט אין אונזער סדרה, און אויף דעם ענין פון הענקה איז דא א הערה אין די הערות אויף קידושין (תולו"צ ע' קיז), וואס דארטן איז ער מבאר אז עבד עברי איז יצירה, און אמה העברי' איז בריאה (ע' קיח), און וויבאלד אז דאס איז מערגיש ווי מוחין דקטנות דיניקה, איז בשעת ער ווערט א בן חורין איז דא די מצוה פון הענק תעניק, וואס דאס איז פארבונדן מיט חכמה און בינה, און דאס איז דוקא ווען ער ווערט א בן חורין, וואס עלמא דחירו איז דאך דער ענין פון בינה.

[וואס דער ענין איז אויך מבואר אין דעם מאמר וואס ווערט אנגערופן וכי ימכור איש גו' הגדול פון ליאדי (וואס איז געדרוקט אין תו"ח פ' משפטים) ועד"ז אין ספר המצוות להצ"צ (ע' 166) - וואס דער ספר איז ניט געווען ביי אים - איז ער מבאר אז עבד כנעני איז דער ענין פון עולם העשי', און עבד עברי איז דער ענין פון עולם היצירה, און אמה העברי' איז דער ענין פון עולם הבריאה].

דאס וואס ער איז אבער ניט מבאר דערפאר וואס ער האט זיך פארלאזט אז מ'וועט דאס אליין פארשטיין - דלכאו' לויט דעם ביאור אז די מצוה פון הענקה קומט דערפאר וואס ס'איז דא מערגיש ווי מוחין דקטנות דיניקה, און כדי צו משלים זיין דאס איז דא דער ענין פון הענקה, איז ניט פארשטאנדיק: מה-דאך אז א עבד עברי און אמה עברי' - וואס דאס איז דער

- ענין -

ענין פון בריאה און יצירה - דארפן האבן דעם ענין פון הענקה כדי צו משלים זיין זיי, איז א עבד כנעני - וואס דאס איז דער ענין פון עולם העשי׳ - דארף דאך זיכער האבן דעם ענין פון הענקה פון מוחין כדי צו משלים זיין אים, איז ניט פארשטאנדיק פארוואס איז ביי אן עבד כנעני ניטא דער דין פון הענקה? וכפי שיבתאר לקמן.

בנוגע צו א ביאור אין א משנה אין פרקי אבות - לויט די וואס נוהגין לערנען פרקי אבות בכל שבתות הקיץ - איז אין פ"ה מ"ד שטייט: "עשרה נסים נעשו לאבותינו במצרים .. עשר מכות הביא הקב"ה על המצריים .. עשרה נסיונות נסו אבותינו את הקב"ה במדבר".

איז ניט פארשטאנדיק:

א) וואס איז די שייכות פון "עשרה נסיונות נסו אבותינו כו׳" צו דעם וואס שטייט אין אנהויב משנה "עשרה נסים נעשו לאבותינו במצרים", לכאו׳ איז דאך דאס צוויי באזונדערע זאכן, האט דאס געדארפט שטיין אין צוויי באזונדערע משניות, איז פארוואס איז ראס אין איין משנה (סיי לויט סידור המשניות בכלל, סיי לויט דעם סידור המשניות פון דעם אלטן רבי׳ן)?

- דאס וואס די עשרה נסים און די עשר מכות שטייען צוזאמען, איז דאס דערפאר וואס די עשרה ניסים זיינען געווען דאס וואס די עשר מכות זיינען געווען נאר ביי די מצריים און ניט ביי אידן, והפלה ה׳ גו׳ (וארא ט, ד), ווי מפרשים (רע"ב. מדרש שמואל) זאגן אז דאס זיינען געווען די עשרה נסים, ד.ה. אז די עשרה נסים מיט די עשר מכות זיינען איין זאך; די מכות פון די מצריים, און דאס וואס די מכות זיינען געווען נאר אויף די מצריים און ניט אויף די אידן.

אבער די עשרה ניסים וואס זיינען געווען אין מצרים, מיט די עשרה נסיונות וואס זיינען געווען אין מדבר, איז דאך דאס צוויי באזונדערע ענינים, ס׳איז געווען אין א באזונדער זמן און אין א באזונדער מקום, און דאס איז א באזונדער תוכן, האט מען דאך דאס געדארפט ארויין שטעלן אין צוויי באזונדערע משניות, וכמדובר כמ"פ (לקו"ש ח"ד ע׳ 1175) אז חלוקת המשניות איז נוגע להלכה?

ב) לויט דעם פירוש הנ"ל אז די עשרה ניסים זיינען געווען דאס וואס די עשר מכות זיינען געווען נאר אויף די מצריים און ניט אויף אידן, האט דאך דער סדר געדארפט זיין פארקערט; פריער די עשר מכות שהביא הקב"ה על המצריים, וואס דאס איז דאך דער עיקר והתחלת הענין, און דערנאך די עשרה נסים - אז די מכות הנ"ל זיינען געווען נאר ביי די מצריים און ניט ביי אידן, איז פארוואס איז דער סדר פריער די עשרה נסים און דערנאך די עשר מכות? וכפי שיתבאר לקמן.

וכאן המקום צו מבאר זיין דאס וואס ס׳האט זיך גערעדט פאר צוויי טעג צוריק (בשיחה למצייני ישראל - כב מנחם אב) וועגן דעם מנהג פון נתינת יד ליד, אז יעדער יד האט דאך חמשה אצבעות, איז בשעת מ׳גיט יד ליד, איז דא חמשה אצבעות מיט נאך חמשה אצבעות, וואס צוזאמען איז דאס מספר עשר, וואס דאס איז דער ענין פון עשר ספירות.

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט עשה"ד, וואס ס׳איז געווען חמשה אויף איין זייט, און חמשה אויף איין זייט, וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט די עשרה מאמרות שבהם נבה"ע (וואס וועגן זיי רעדט זיך אין דעם פרק), ווי ס׳שטייט אין זהר (ח"ג יא, ב) אז אויף דעם זאגט מען דאך "עשרה עשרה

- הכף -

וואס האבן געבראכט די כסף וזהב וכו׳, משא"כ משה האט בלויז מקיים געווען דעם משכן, ווי רש"י זאגט אין פקודי (לט, לג), ובמילא איז מצד ענותנותו האט זיך משה ניט אריין גערעכנט צווישן בוני המשכן, ווייל ער האט גערעכנט אז די הקמה איז ניט אזוי חשוב, אז צוליב דעם זאל ער זיין פון די בוני המשכן.

אין דעם איז אויך דא אן ענין פון די נפלאות שבפירש"י:

ס׳איז דאך ידוע וואס ס׳שטייט (סוטה ט, ב) אז מעשה ידי משה זיינען נצחיים, און דערפאר קען משה ניט פארבינדן דעם ענין פון יחרב ביט דעם משכן ווי ער איז פארבונדן מיט אים - מעשה ידיו, ווארום דער משכן ווי ער איז פארבונדן מיט אים איז א נצחי.

וואס דאס איז ע"ד ווי משה רבינו האט געזאגט בנוגע צו עדת קרח "אל תפן אל מנחתם" (קרח טז, טו), און דער אויבערשטער האט אנגענומען זיין בקשה, און אע"פ אז דער אויבערשטער האט מקבל געווען די מנחה, וואס איז געווען א קרבן ציבור, איז אבער דער חלק וואס עדת קרח האט געהאט אין דעם - ניט נתקבל געווארן,

עד"ז איז אויך בנדו"ד, אז אע"פ וואס אין דעם מקדש אבותיכם איז געווען דער יחרב, איז אבער דער חלק וואס איז מעשה ידי משה, ניט נחרב געווארן.

בנוגע צו דעם ענין פון הענקה, פאדוואס איז דאס ניטא ביי עבד כנעני:

איז בפשטות עפ"י נגלה, קען מען זאגן אז דער חיוב אויף הענקה איז שייך בלויז ביי עבד עברי ואמה עבריי וואס זיי גייען ארויס לחירות, משא"כ ביי א עבד כנעני איז דאך דא א מצוה "והתנחלתם אותם גו׳" (בהר כה, מו), און אז מ׳איז זיי משחרר איז מען עובר אויף דעם עשה (ברכות מז, ב), איז ניט שייך צו זאגן אז דעמאלט איז דא דער חיוב פון הענקה.

ס׳איז דאך אבער דא אמאל וואס ס׳איז דא דער ענין פון שחרור אויך ביי עבד כנעני: א) ביי די מצוה פון "לא תסגיר עבד אל אדוניו" (תצא כג, טז), וואס דעמאלט ווערט דער עבד משוחרר. ב) ביי דעם ענין פון שידוכים, ווי די גמרא (פסחים קיג, א) זאגט בתך בגרה שחרר עבדך ותן לה. ג) ווי מ׳געפינט (ברכות שם) אז ר"א האט משחרר געווען עבדו כדי צו משלים זיין א מנין.

איז עפ"י נגלה טאקע ניט שייך צו זאגן אז מ׳זאל מאכן א חיוב צוליב מקרים היוצאים מן הכלל - עס דארף אבער האבן א הסבדה אין רוחניות הענינים:

איז דער ביאור בזה, אז דער ענין פון שחרור לחפשי איז שייך בלויז ביי עבד עברי און אמה עבריי, משא"כ א עבד כנעני, איז אפי׳ אז מ׳איז אים משחרר וועט ער אלעמאל בלייבן א עבד; כמבואר אין המשך תרס"ו (ד"ה אחרי ה׳ (ע׳ שכו)) אז עבד כנעני אין קדושה איז ענינו מס"נ, און דאס איז זיין עבודה אלעמאל.

ובמילא ברוחניות הענינים, איז א עבד עברי ואמה עבריי, וואס זיי זיינען מוחין דיניקה וכו׳ - איז ביי זיי דא א עילוי דורך דער הענקה פון מוחין, וואס דערפאר איז דא דער חיוב פון הענקה;

משא"כ א עבד כנעני וואס ענינו איז מס"נ, וואס איז העכער פון שכל,

- איז -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

איז ביי אים קיין מעלה ניט אז ער וועט מקבל זיין פון מוחין, ווארום ער איז העכער דערפון - עניינו איז מס"ג (כתר), און דערפון האט ער אלע עשר כחות ווי זיי זיינען מצר מס"ג (כמבואר בתדס"ו שם).

דער ביאור אין די משנה אין אבות:

דאס וואס די מצריים האבן באקומען די מכות איז דאס געווען אלס תוצאה דערפון וואס אידן האבן געדארפט האבן נסים; ד.ה. אז דער עיקר הדבר איז, וואס דער אויבערשטער האט געוואלט מאכן נסים צו אידן, און צוליב דעם האט ער געמאכט די מכות צו מצרים.

און דערפאר שטייט פריער דער ענין פון עשרה נסים נעשו לאבותינו, ווארום דאס איז די מטרה און עיקר הענין, און צוליב דעם האט געדארפט זיין עשרה מכות (כדי ס'זאל זיין דער והפלה וגו').

רערמיט האט זיך אבער נאך ניט אויסגעפירט די כוונה פון גלות מצרים, וואס דער תכלית איז דאך אז מ'זאל אנקומען אין א"י, ארץ טובה ורחבה, וואס דערפאר איז אויך נאך די עשרה נסים במצרים און עשרה על הים, האט געדארפט דורך גיין שבעה שבועות, און דערנאך איז געווען מ"ת, און דערנאך האט מען געדארפט אריבער גיין דעם מדבר העמים וואס דארטן איז געווען נחש שרף ועקרב וצמאון אשר אין מים, כמבואר אין לקו"ת (ר"פ נשא), ביז מ'איז געקומען אין ארץ טובה ורחבה.

און דערפאר איז די משנה ממשיך דערציילן ווי אזוי איז געווען דער אופן ההנהגה צווישן אידן מיטן אויבערשטן אין מדבר - אז עשרה נסיונות ניסו אבותינו את הקב"ה במדבר, וואס דאס איז דאך אן ענין של ירידה [ע"ד ווי ס'איז געווען די ירידה אין מצרים, אז מ'האט געדארפט אנקומען צו דעם נגלה עליהם ממ"ה בכבודו ובעצמו - אז דער אויבערשטער אליין זאל אראפ קומען אין מצרים] -

דער תכלית איז אבער די עלי' וואס קומט ארויס דורך דעם, און ווי ס'שטייט "ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה" און אויך דעם היפך הברכה, ווי דער תרגום (יונתן) טייטשט אפ "וחילופא", ווייל נאר דער אופן המשכת הברכה ווערט געביטן, אבער די כוונה והכלית דערפון איז טוב וברכה (ראה לקו"ש ראה ש.ז.) - אז ס'זאל זיין דער "ויהפוך ה"א לך את הקללה לברכה כי אהבך גו'" (תצא כג, ו).

ובלשון פון כ"ק מו"ח אדמו"ר (ספה"מ קונטרסים ח"ב ע' 794) "עמדו הכן כולכם" צו מקבל זיין די ברכות פון דעם אויבערשטן, ביז צו די ברכה הכללית - די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש.

ז. בהמשך צו דעם וואס רש"י זאגט "שלא תעשו כמעשיהם ויגרמו עוונותיכם למקדש אבותיכם שיחרב", איז ווייבאלד אז מכלל לאו אתה שומע הן, איז דאך פארשטאנדיק אז בשעת די הנהגה וועט זיין באופן המתאים, דעמאלט פועל'ט מען אז דער ביהמ"ק זאל געבויט ווערן.

וואס דאס איז דער כללות הענין פון מבצע חינוך, אז מ'איז מחנך די קינדער זיי זאלן גיין אין די וועג וואס זייערע עלטערן זיינען געגאנגען. וואס דאס איז וואס מ'האט געזאגט אידן אז זיי זאלן זיך פירן אין דעם אופן ההנהגה פון אבותיכם, וואס זיי האבן אויפגעשטעלט א מקדש, און ער איז שוין געווען קיים ל"ט שנה, און מ'זאגט די קינדער זיי זאלן זיך פירן אין דעם זעלבן אופן, במילא וועלן זיי ניט גורם זיין למקדש אבותיכם שיחרב.

- וואס -

הנחה הת' בלתי מוגה

של זכרון, ואיזה יום יצאו, ת"ל **ממחרת הפסח יצאו**, הוי אומר יום ט"ו בניסן הוא של יו"ט שהרי ליל ט"ו אכלו את הפסח ולבוקר יצאו".

וואס דא שטעלט זיך די זעלבע שאלה ווי אין פרש"י בפרשתנו: פארוואס ברייננגט רש"י א ראי' אויף "איזה יום יצאו" פון דער פסוק אין פ' מסעי, אז "ממחרת הפסח יצאו" - ווען אין פ' בא גופא, אין די **זעלבע** פרשה, שטייט "בעצם היום הזה יצאו כל צבאות ה' ממצרים"?

און דא געפינט מען אויך ניט אז מפרשי רש"י זאלן זיך אויף דערויף שטעלן.

ואע"פ אז אויך אין מכילתא ברייננגט זיך די ראי' פון פ' מסעי (און ניט פון פ' בא) - איז אבער כאמור, דאס איז ניט קיין טעם מספיק פארוואס אין **פשש"מ** זאל אזוי אויך שטיין, וויבאלד אז מכילתא איז ע"ד הדרוש וכו'.

**כג.** בשעת מ'פארגלייכט די ראי' פון פ' מסעי ווי עס ברייננגט זיך אין פרשתנו און ווי עס ברייננגט זיך אין פ' בא - זעט מען א שינוי:

אין פרשתנו איז רש"י מעתיק די ווערטער פון דער פסוק אין פ' מסעי "ממחרת הפסח יצאו **בני ישראל** וגו'", משא"כ אין פ' בא איז רש"י ניט מעתיק די ווערטער "בני ישראל", ער איז נאר מעתיק די ווערטער "ממחרת הפסח יצאו" - איז ממ"נ:

אויב מ'דארף האבן די ווערטער "בני ישראל" אלס ראי' ווען די אידן זיינען ארויס פון מצרים - האט ער די ווערטער געדארפט ברייננגען אויך אין פ' בא, און אויב מ'דארף ניט האבן די ווערטער - האט ער דאס ניט געדארפט ברייננגען אין פרשתנו?

אויך דארף מען פארשטיין:

פארוואס איז רש"י מעתיק (בפרשתנו) פון פסוק די ווערטער "ממצרים לילה" - בשעת ער קומט נאר מפרש זיין דעםווארט "לילה", און אין דער ווארט "ממצרים" גיט ער לכאו' גארניט צו?

אפילו אויב ער דארף מעתיק זיין נאך א ווארט חוץ פון דעם ווארט "לילה" - האט ער געדארפט מעתיק זיין דעם ווארט "הוציאך", ד.ה. מעתיק זיין אין דעם ד"ה - "בהוציאך גו' לילה".

מיט נאך כמה דיוקים, וכפי שיתבאר לקמן.

**כד.** אין די הערות אויף מסכת קידושין איז ער מבאר (תורת לוי"צ ע' קיז ואילך) דער ענין פון מצות הענקה.

און ער איז מבאר ווי דער ענין פון הענקה איז געווען בא יוסף, וואס ער איז דאך געווען אן עבד עברי, כמ"ש "ושם אתנו נער עבד עברי", וואס דערפאר בשעת ער איז ארויס לחפשי ולחירות האט מען אים געדארפט געבן הענקה, און די הענקה וואס מ'האט אים געגעבן איז געווען "מלבד זה מה שנתן לו פרעה הטבעת ורבד הזהב כו'", איז "עיקר ההענקה הוא מה שנתן לו הקב"ה, והוא מה ששלח את גבריאל ולמדו ע' לשון ולא הוה גמר הוסיף לו אות אחת משמו של הקב"ה שנאמר עדות ביהוסף שמו כו' כדאיתא בסוטה דל"ו ע"ב ע"ש [און ווי רש"י ברייננגט אויך בפירושו עה"ת אין סוף פ' ויחי]", און ער איז דאס מבאר אין אותיות פון קבלה.

דערנאך פרעגט ער אז לכאו' דארף דאך די הענקה קומען פון דעם אדון צו וועמען יוסף איז געווען אן עבד, ד.ה. פון פוטיפר, און ער ענטפערט "י"ל מפוטיפר הי' ג"כ הענקה, והוא מה שניתן לו בתו אסנת כמ"ש ויתן לו אסנת בת פוטיפרע כו'".

און ער איז דארטן אויך מבאר (פאר דערויף) אז דער ענין ההענקה איז ע"ד ווי דער ענין התפילין, און עפ"ז איז ער מבאר די דריי ענינים וועלכע שטייען אין פסוק אז מ'דארף פון זיי געבן הענקה - "העניק תעניק לו מצאנך ומגרנך ומיקבך", אז זיי זיינען כנגד די ד' מוחין וואס ווערן נמשך דורך תפילין: "צאנך" איז מוח הדעת הנחלק לחו"ג, "גרנך" איז חטה ושעורה, וואס דאס איז "דגן לאכילה, לחם", וואס לחם איז מוח החכמה, און "יקבך" איז יין, וואס דאס איז מוח הבינה, און די דריי ענינים זיינען צוזאמען דער ענין פון חב"ד.

ועד"ז איז ער מבאר בארוכה אין דער הערה נאך פרטים בנוגע צו מצות הענקה.

ער איז אבער ניט מבאר ווי דער ענין איז אין עבודת האדם, פארלאזנדיק זיך, כדרכו אין די אגרות, אז מ'וועט זיך אויף דערויף אליין כאפן, כמדובר כמ"פ,

וכפי שיתבאר לקמן.

**כה.** דער פרק פון היינטיקן שבת איז - פרק ששי.

אין התחלת פרק (סוף משנה ב') זאגט ר' יהושע בן לוי: "כל מי שעוסק בתלמוד תורה הרי זה מתעלה, שנאמר וממתנה נחליאל ומנחליאל במות",

און די ראי' פון דעם פסוק איז: (עירובין נד, א) "מתנה" גייט אויף תורה וואס "ניתנה לו במתנה", און דערפאר איז ער "נחלו א-ל" שנאמר "וממתנה נחליאל", און וויבאלד ער איז "נחלו א-ל" איז ער "עולה לגדולה" שנאמר "ומנחליאל במות", וואס במות זיינען דאך בערג, אן ענין פון עלי'.

די משנה איז לכאו' אינגאנצן ניט פארשטאנדיק:

ער וויל דא מבאר זיין אן ענין **מיוחד** וואס איז פאראן אין עסק התורה - איז פארוואס זאגט ער אז "כל מי שעוסק בתלמוד תורה הרי זה מתעלה" - דאס איז דאך אן ענין וואס איז פאראן אין יעדער מצוה, דורך **יעדער** מצוה ווערט א מענטש נתעלה?!

וואס דאס איז דאך אן ענין פשוט ביותר, און וואו מ'גיט נאר א קוק - אין מאמרי רז"ל, אין מדרש אין חסידות אין קבלה - איז אומעטום שטייט אז דורך יעדער מצוה וואס מ'איז מקיים ווערט מען נתעלה!

ובפרט ע"פ המבואר אין חסידות אז א מצוה איז מלשון צוותא וחיבור, ד.ה. אז דורך א מצוה ווערט א חיבור פון נברא מיט בורא, וואס דאס איז די העכסטע עלי' וואס קען נאר זיין -

איז וואס זאגט דא ריב"ל אן ענין מיוחד אין **תורה**, אז "כל מי שעוסק בתלמוד תורה הרי זה מתעלה"?!

עד"ז דארף מען פארשטיין: וואס איז דא דער דיוק "כל מי **שעוסק** בתלמוד תורה הרי זה מתעלה" - אפילו אויב ער איז ניט עוסק אין תורה, און ער לערנט נאר סתם אזוי תורה - איז ער אויך מחוייב מאכן א ברכת התורה, "אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו", וואס לכאו' איז ניטא קיין גרעסערער עילוי ווי קענען זאגן אויף זיך אז "בחר **בנו** מכל העמים ונתן **לנו** את תורתו"?!

ועד"ז ווען איינער איז עולה צו קריאת התורה - איז אפילו אויב לא ידע מאי קאמר איז ער אויך מחוייב אין ברכת התורה לפני' ולאחרי', און דערמיט יוצא מצות תלמוד תורה - איז וואס זאגט ער דא אז דוקא "מי **שעוסק** בתלמוד תורה הרי זה מתעלה"?

ענין אז אפילו אויב די הלכה איז ניט ווי אים זאל ער נתעלה ווערן; דוקא אויב ער איז עוסק בתורה און ער קומט צו א מסקנא בשכלו אין דער ענין וואס ער האט געלערנט - איז אויף דעם שייך זאגן דער חידוש פון ריב"ל, אז כאטש די הלכה בלייבט ניט ווי ער אבער וויבאלד ער האט **עוסק** געווען אין תלמוד תורה ווערט אים נתעלה.

**נה.** אויף דערויף דארף אבער ריב"ל האבן א ראי' - פון וואנעט ווייסט ער טאקע אז איינער וואס איז עוסק בתורה און די הלכה בלייבט ניט ווי אים, ד.ה. דעתו ווערט בטל - איז ער אויך נתעלה.

ברייננגט ריב"ל די ראי' דערצו: "שנאמר וממתנה נחליאל ומנחליאל במות":

וויבאלד אז די תורה איז "ניתנה לו במתנה" פון דעם אויבערשטן - קען מען דאך ניט זאגן אז דער אויבערשטער וועט געבן א מתנה צו א אידן וואס דורך דער מתנה זאל דער איד האבן א ירידה און א קלקול און אראפפאלן.

וואס דערפאר קען מען ניט זאגן אז דורך דעם וואס מ'איז עוסק אין תורה, און דערנאך ווערט נתברר אז די הלכה איז ניט ווי ביי אים איז אויסגעקומען - זאל דאס פועל זיין א ירידה ביי אים.

נאר מ'מוז זאגן אז וויבאלד אז תורה איז א מתנה, און "ממתנה נחליאל", דורך דער מתנה איז ער "נחלו א-ל" (ווי די גמ' זאגט (עירובין שם)) - איז א זיכערע זאך אז "מנחליאל במות" - אז דורך דערויף ווערט ער נתעלה, וואס "במות" איז דער ענין פון עלי'.

**נו.** די הוראה דערפון אין עבודת האדם:

אע"פ וואס צווישן לומדי תורה איז איינער א מיעוט, ד.ה. הגם אז ער האט זיך עוסק געווען אין לימוד התורה, און ער האט געלערנט ע"פ כללי התורה, ניט אריינלייגענדיק אין תורה וואס ער וויל - אבער אעפ"כ איז די הלכה ניט ווי ביי אים איז אויסגעקומען -

איז אבער וויבאלד אז אזוי איז ביי אים אויסגעקומען בשכלו בשעת ער האט געלערנט תורה וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן במתנה, איז דאך דאס גופא א הוכחה אז אזוי דארף ביי אים אויסקומען מצד שרש נשמתו, אז שרש נשמתו איז פון חסד אדער פון גבורה וכיו"ב, וואס אויף דעם האט ער ניט קיין בחירה, ווארום דער אויבערשטער האט אים געגעבן אזא נשמה און אזא טבע, און אזא שכל וואס ביי אים לייגט זיך אזוי דער ענין.

וואס דערפאר איז זיין לימוד התורה בשלימותו, און ער דארף אויף דערויף מאכן ברכת התורה, ביז אז דורך דער לימוד התורה ווערט ער נתעלה.

לאידך גיסא, דארף ער אבער וויסן אז די הלכה איז גלייך פאר אלעמען, און אזוי ווי עס קומט אויס אין הלכה דארף יעדער איינער זיך פירן, אויך אזא וואס בשכלו און אין שקו"ט פון לימוד התורה איז ביי אים אויסגעקומען אנדערש.

ויש עוד ענינים בזה שיש להאריך בהם (לשלימות הענין - ראה שיחת ש"פ נצו"י, כ"א אלול).

**נז.** דער ענין פון הענקה (ווי ער איז דאס מבאר אין דער הערה אויף מס' קידושין) אין עבודת האדם:

דער ענין פון "כי תקנה עבד עברי שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי חנם" (וואס דעמאלט דארף מען אים געבן הענקה) אין עבודת כאו"א איז דער אלטער רבי

מבאר אין תו"א פ' משפטים עה"פ (עו, ג. ואילך) (ווי דער טאטע צייכנט אן אין דער הערה):

"עבד עברי" גייט אויף יעדן אידן, און "שש שנים יעבוד" גייט אויף די עבודה אין תומ"צ - "יעבוד" מלשון "עיבוד עורות" - וואס יעדער איד טוט במשך די שית אלפי שנין דהוה עלמא, וואס דער כח דערצו קומט דורך משה רבינו, וואס אויף אים גייט דער "כי תקנה", און דערנאך נאך די עבודה במשך די שית אלפי שנין איז "ובשביעית יצא לחפשי חנם" - קומט מען צו צו דער אלף השביעי.

און אזוי ווי דער אויבערשטער האט אנגעזאגט בנוגע צו אן עבד עברי כפשוטו, אז ווען מ'שקיט אים ארויס פריי בשנה השביעית איז "לא תשלחנו ריקם", נאר "העניק תעניק לו מצאנך ומגרנך ומיקבך" (פרשתנו טו, יג יד) - איז דאך "מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל", דאס וואס דער אויבערשטער זאגט אן אידן צו טאן טוט ער אליין -

דערפאר ווען עס קומט דער סוף פון ימי הגלות אין די שית אלפי שנין, וואס אע"פ אז "אני ישנה בגלותא" - איז אבער "ולבי ער" להקב"ה ולמצוותי' (ווי עס שטייט אין שה"ש רבה), און אידן זיינען בחזקת כשרות אז זיי האבן עובד געווען עבודתם במשך די שית אלפי שנין בשלימותה - גיט דער אויבערשטער הענקה צו יעדער אידן, און ער גיט דאס פון אלע זיינע ענינים, "מצאנך ומגרנך ומיקבך", די אלע ד' מוחין חב"ד.

און אפילו אויב ער דארף זיי געבן די הענקה "מאה פעמים", גיט ער דאס זיי, ווי עס שטייט אין ספרי עה"פ אז "העניק אפילו מאה פעמים".

**נח.** עפ"ז איז פארשטאנדיק דער ספרי (אז הענקה איז "אפילו מאה פעמים"), וואס ס'איז דאך ידוע די קשיא גדולה וואס מ'פרעגט אויף דעם ספרי (תו"ת עה"פ) - ווי איז שייך זאגן אז ביי איינעם זאל זיין דער ענין פון הענקה **מאה** פעמים:

הענקה (לויט אלע דעות) גיט מען צו אן עבד שמכרוהו ב"ד בגנבתו, וואס בכדי אז מ'זאל אים קענען פארקויפן בגנבתו דארף ער זיין (לכה"פ) י"ג שנה, וואס עפ"ז קומט אויס אז דער ערשטער מאל ווען ס'איז בגדר אז איינער זאל באקומען הענקה איז ווען ער ווערט י"ט שנה (זעקס יאר נאך דעם וואס מ'האט אים פארקויפט ווען ער איז געווען י"ג שנה, וואס דעמאלט האלט ער בא ארויסגיין מעבדות).

דערנאך, בכדי אז מ'זאל אים געבן הענקה "מאה פעמים" - דארף ער גנב'נען נאכאמאל, און מ'דארף אים כאפן, און אויב מ'געפינט ניט די גניבה - פארקויפט מען אים נאכאמאל פאר זעקס יאר, און דעמאלט באקומט ער נאכאמאל (א צווייטע מאל) הענקה.

און אזוי דארף זיין יעדער מאל, אז ער זאל גנב'נען בפועל [ס'איז ניט גענוג אז ער זאל **קענען** גנב'נען, נאר ער דארף גנב'נען בפועל], און מ'זאל אים יעדער מאל כאפן, און יעדער מאל זאל מען ניט קענען געפינען די גניבה, און מ'זאל אים יעדער מאל פארקויפן, אן גלייך ווען ער גייט ארויס נאך ששה שנים, גייט ער נאכאמאל גנב'נען און ער איז נאכאמאל מצליח וכו', און אזוי טוט ער **מאה** פעמים, ד.ה. אפילו נאך דעם וואס ער איז א באוואוסטער גנב וואס האט שוין גע'גנב'ט 99 מאל, טוען די פאליציי גארניט און ער גנב'ט א הונדערט'ן מאל!

וואס דעמאלט קומט אויך אויס אז ווען מ'פארקויפט אים דעם הונדערטס'טן מאל - איז ער 613 יאר אלט!

וואס ע"פ כל זה איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק וואס דער ספרי זאגט אז הענקה איז "אפילו מאה פעמים"?!



הגהה פרטית בלתי מוגה

**נט.** ע"פ המבואר לעיל ווי דער ענין פון הענקה איז ברוחניות איז דאס פארשטאנדיק:

אלע אידן זיינען "כאיש אחד". איז מעגליך אז במשך די אלע שית אלפי שנין דהוה עלמא זאל זיין מאה גניבות צווישן אלע אידן.

און דעמאלט זאגט מען אז "אפילו מאה פעמים" וועט זיך דער אויבערשטער מאטערן יעדער מאל און געבן אידן הענקה.

און בשעת מ'זאגט מאה פעמים איז דאס לאו דוקא נאר מאה פעמים, נאר אויך מערער פאר מאה פעמים, ווארום דער שיעור למעלה איז ניט דער שיעור למטה (?).

ועד"ז ווי מ'זאגט בנוגע צו "פתוח הפתח", וואס דאס איז "אפילו מאה פעמים" - איז דער פירוש אין דעם ניט אז אויב דער עני קומט מערער ווי מאה פעמים איז מען אים ניט מחוייב געבן - נאר וויפל מאל ער וועט נאר קומען בעטן, דארף מען אים געבן, און אויב מ'גיט אים ניט איז מען ניט מקיים דער מצוה.

ועד"ז אויב דער אויבערשטער דארף געבן אידן מערער ווי מאה פעמים הענקה.

און וויבאלד אז בערב שבת דארף מען שוין טועם זיין פון אלע תבשילין שליום השבת - איז די הענקה וואס דער אויבערשטער וועט געבן אידן אין אלף השביעי הויבט ער שוין אן זיי געבן נאך אין סוף פון אלף הששי, אין די לעצטע טעג פון גלות, כנ"ל.

**ס.** דער ענין אז אין די לעצטע טעג פון גלות איז מען טועם פון די תבשילין וועלכע וועלן זיין אין דער אלף השביעי - איז ע"ד דער ענין וואס מ'האט גערעדט בארוכה (בלקו"ש חט"ו - בין המצרים ש.ז.) פון תנחומא, אז דורך לערנען און עוסק זיין זיך אין "צורת הבית ותכונתו ומוצאיו ומובאיו גו'" זאגט דער אויבערשטער אז "אני מעלה עליהם כאילו הם עוסקין בבנין הבית".

און דער מדרש דערציילט אז אויף די טענה פון יחזקאל "עד עכשיו אנו נתונים בגולה בארץ שונאינו ואתה אומר לי לילך להודיע לישראל צורת הבית כו' וכי יכולין הן לעשות הנח להם עד שיעלו מן הגולה כו'", האט דער אויבערשטער גענטפערט "ובשביל שבני נתונים בגולה יהא **בנין ביתי בטל**", און דערפאר זאלן זיי זיך עוסק זיין בלימוד "צורת הבית כו'".

האט מען מבאר געווען (שם ס"ג) אז פון דעם לשון איז פארשטאנדיק, אז דורך דעם לימוד איז "בנין ביתי" **בטל** "בטל", ד.ה. (הערה 33 שם) אז ניט נאר וואס דער גברא וואס איז עוסק אין לימוד צורת הבית כו' איז כאילו ווי ער איז עוסק בבנין הבית - נאר ס'איז כאילו ווי ער האט אויך א חלק אין דער חפצא פון דעם ביהמ"ק.

**סא.** האט מען זיך אויף דערויף געשטעלט (בהערות הת' ואנ"ש) וואס איז דער פירוש אז דורך דעם לימוד ב"צורת הבית כו'" איז "בנין ביתי" **בטל** "בטל".

און מ'האט געוואלט מבאר זיין אז דער פירוש אין דעם איז, אז דער לימוד אין צורת הבית כו' איז ע"ד ווי דער ענין פון די דיפהראות ופנקסאות פון דעם ביהמ"ק, וואס אן די דיפתראות ופנקסאות קען מען ניט בויען דעם ביהמ"ק, וואס דערפאר איז דער לימוד בזה א **חלק** (והתחלה) פון בויען דעם עצם ביהמ"ק.

דאס איז אבער א ביאור ווי דער לימוד אין צורת הבית כו' איז נאר א חלק פון דער פעולה פון בויען דעם ביהמ"ק - אבער ניט ווי דאס איז א חלק פון דעם עצם **בנין** אליין.